בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

ויחי תשפ"ו

גליון 266



אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין

וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## הִקָּבְצוּ

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַּרְשַׁת וַיְחִי אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גֶעוָואלְדִיגֶע סוֹדוֹת אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיפְן פְּלַאץ. לָמָּה פַּרְשָׁה זוּ סְתוּמָה? (סְתוּמָה מֵיינְט, אַז גֶעווֶענְלִיךְ אִין דִי תּוֹרָה אִיז דָא רֶווַח צְווִישְׁן אֵיין פַּרְשָׁה אוּן דִי צְווֵייטֶע, אָבֶער צְווִישְׁן פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אוּן וַיְחִי אִיז נִישְׁט דָא קֵיין לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, נָאר ס'הֵייבְּט זִיךְ גְלַייךְ אָן וַיְחִי) זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט געוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דֶעם קֵץ הַגְּאוּלָה - דֶעם עֶנְדֶע וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן ס'הָאט זִיךְ פַארְהוֹילְן פוּן אִים.

רַבִּי נָתָן אִין הִלְכוֹת תַּעֲנִית אִיז מַסְבִּיר אוֹיפְן פָּסוּק "הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם" אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט געוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דֶעם קֵץ אוּן עֶס אִיז פַארְהוֹילְן גֶעוָוארְן פוּן אִים, ווַייל דֶער עִיקָר קֵץ הַגְּאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין עֵצָה שְׁלֵמָה וָואס וֶועט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "פֶּלֶא יוֹעֵץ". מָשִׁיחַ וֶועט געבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס וֶועט זַיין גָאר טִיפֶע אוּן שְׁטַארְקֶע עֵצוֹת וויאַזוֹי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּוֶוענְדְן, פַארְדֶעם וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "קֵץ הַפְּלָאוֹת" ווַייל אִין דִי צַייט פוּן דִי גְאוּלָה וֶוערְט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן אָט דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן טִיפֶע עֵצוֹת.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דִי עֵצוֹת פַאר זַיינֶע קִינְדֶער כְּדֵי צוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אָבֶער דִי שְׁכִינָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטְן פוּן אִים, ווַייל עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַאר'ן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט נִמְשַׁךְ דִי אַלֶע שְׁטַארְקֶע עֵצוֹת. פַארְדֶעם הָאט יַעֲקֹב גֶעזָאגְט "הִקָּבְצוּ" עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז הַיינְט אִיז דִי הוֹיפְּט עֵצָה "הִקָּבְצוּ" מֶען זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם אוּן עֶס זָאל אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען זָאל זִיךְ צַאמְנֶעמֶען צוּ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן פוּנֶעם אֱמֶת'ן תַּכְלִית אוּן דוּרְךְ




דֶעם וֶועט מֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע עֵצוֹת. מֶען זֶעט טַאקֶע אַז וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צַאמְגֶענוּמֶען דִי צְווֶעלֶעף שְׁטֵיינֶער אִיז עֶס גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטֵיין וָואס דָאס אִיז דֶער אֶבֶן-שְׁתִיָּה וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַלֶע עֵצוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת בַּיי דִי שְׁטֵיינֶער פוּנֶעם חֹשֶׁן פוּן דִי צְווֶעלֶעף שְׁבָטִים וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעטְרָאגְן, זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז וֶוען אַלֶע שְׁבָטִים - אַלֶע אִידְן זֶענֶען אֵיינְס דֶעמָאלְטְס אִיז דָא אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ שְׁלֵמוּת הָעֵצָה.

כְּדֵי צוּבַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אִידְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה צ"א) אַז אוֹיבּ אַ אִיד ווִיל זַיין אַ מַתְמִיד אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען, זָאל עֶר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִידִישׁ קִינְד, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַן אוֹת אִין דִי תּוֹרָה, דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז "יִשְׂרָאֵל" אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת "יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לַתּוֹרָה". אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן אִין אַ אִיד אִיז דָא אַ חִסָּרוֹן אִין דִי תּוֹרָה אוּן קֶען מֶען נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוָואוֹרְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְווֵייטְן אִיד אוּן נִישְׁט אִין אִים טְרֶעפְן אַ חִסָּרוֹן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי תּוֹרָה אִיז גַאנְץ אָן אַ פֶּעלֶער וֶועט מֶען דַאן זִיכֶער לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן אִיר לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

זֶעט מֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם שִׂיחָה אַז דוּרְךְ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל וֶועט מֶען זַיין גֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת פַאר אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עֵצָה פוּן "הִקָּבְצוּ".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לֶעכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין מוּזְן פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג דָאס צוּ זֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. אָמֵן

המשך פון זייט 8

# לָאמִיר רַייךְ וֶוערְן

מִצְוָה אוּן מִיט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מִיר כַאפְּן; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים'ס שִׂמְחָה.

"קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּתִים פוּן דֶער וֶועלְט?"

שִׁמְעוֹנ'לֶע עֶנְטְפֶערְט בַּאלְד: "דוּרְךְ זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים!".

"רִיכְטִיג, הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט! שִׁמְעוֹנ'לֶע" - זָאגְט דֶער מַשְׁגִּיחַ. "דוּרְךְ דִי תּוֹרוֹת אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן סֵפֶר הַמִּידוֹת, אִין דִי אַלֶע גִלּוּיִים אַנְטְפְּלֶעקְט עֶר אוּנְז סוֹדוֹת, עֵצוֹת אוּן תְּפִילּוֹת וִויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אוּנְזֶער אָרִימְקַייט, אוּן צוּ זַיין וִוי דֶער בֶּערְגִיר - רַייךְ, פְרֵיילִיךְ, אוּן צוּפְרִידְן. וִוי אַן עוֹשֶׁר פוּן קְדוּשָּׁה, וָואס זֶעט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ נָאר מִיט זַיין גוּטְס, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער עָנִי בְּדַעַת וָואס קְלָאגְט אַ גַאנְצֶע טָאג אוֹיף זַיין צוּשְׁטַאנְד.

"אַזוֹיוּוי ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַמָאל פַאר עֶטְלִיכֶע חֲסִידִים בַּיי אַ נְסִיעָה, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מוֹפְתִים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ מוֹפֵת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ אַלֵיינְס בִּין דֶער מוֹפֵת פוּן מַיין רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט מִיר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן צוּ זַיין פַארְזוּנְקֶען אִין דִי שְׁטוּתִים פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער".

# די כח הקדושה האט באזיגט די כח הטומאה



***אין א געלעגנהייט האט דער רבי זיך אויסגעדריקט אויף זיינע קינדער אז זיי זענען ווי טייערע פלאנצונגען וואס וועט פון זיי ארויסשפראצן וואונדערליכע פרוכטן פאר די וועלט, דער רבי האט געזאגט אז משיח וועט ארויסקומען מיוצאי חלציו.. דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף זיינע טעכטער: "מיינע קינדער האבן רוח הקודש, נאנט צו נבואה, די טאכטער שרה'קע האט דער רבי זייער שטארק געשעצט און זיך אויסגעדריקט אבער פון שרה'קע שמועס איך נישט!" (מגודל מעלתה)***

~~~~~~

דער הייליגע מהרש"א, מורינו הרב שמואל אליעזר הלוי איידליש ז"ע, מרא דאתרא פון די שטאט אוסטראה איז געווען דער מחבר פונעם באוואוסטן ספר, פירוש המהרש"א, וואס ענטהאלט א פירוש אויפן גאנצן ש"ס בבלי.

אין יענע צייט האט אין אוסטראה געהערשט א געפערליכע קליפה פון די שטאט'ס קלויסטער. די טומאה האט געלאקערט נאך די אידישע קינדער אויף א שרעקליכן אופן. דער קלויסטער האט זיך געפונען אויפן וועג צום אידישן בית עולם. יעדעס מאל וואס מען איז אריבער מיט א מיטה בשעת א לוי' האבן זיך די גלאקן צוקלינגען און ווי א צויבער קראפט האט זי אריינגעשלעפט אידן אין אירע טמא'נע נעגל ביז זיי האבן זיך גע'שמ'ד ר"ל.

דער מהרש"א האט פארארבעט מעשים צו בטל מאכן דער אידישער אומגליק. הארט פאר דער מהרש"א איז נסתלק געווארן האט ער אנגעזאגט פאר זיינע מקורובים אז נאך זיין פטירה בשעת מען וועט אים פירן דורך יענעם ארט זאל מען לייגן אויף זיין מיטה זיין ספר, 'פירוש המהרש"א'.

ווען דער צייט איז געקומען האט מען טאקע באגלייט דעם הייליגן מהרש"א צום בית החיים מיט'ן הייליגן ספר אויפ'ן מיטה. אין דער מאמענט וואס מען איז אריבער יענעם שרעקליכן ארט האט זיך דער הייליגער מהרש"א אויפגעזעצט אויף זיין מיטה און גענומען מישן די בלעטער פונעם ספר. דער עולם איז געשטאנען געפלעפט און זיך צוגעקוקט מיט ציטער צום פחד'דיגער בילד. דארט אויפ'ן פלאץ האט דער טומאה אנגעהויבן צו זינקען אין די ערד אינאיינעם מיט אלע אירע חפצים און מענטשן וואס זענען געווען דעראין. פון דער גאנצער קלויסטער איז גארנישט געבליבן נאר א סימן אין די ערד, אלץ עדות צום וואונדערליכן געשעעניש!

אט די הייליגע מעשה האט דער הייליגער רבי דערציילט ווען ער איז געזעצן נעבן דעם קראנקען בעט פון זיין טייערע טאכטער,

געווען איז זי דאן אין א שווערע מצב וואס האט גורם געווען א גרויסע צער פאר'ן רבי'ן. זיצנ'דיג דארט מיט א פארקלעמט הארץ איז דער רבי איינגעשלאפן. אין חלום האט זיך באוויזן דער הייליגער זיידע, דער בעל שם טוב הק'.

"פארוואס ביזטו אזוי בצער?" האט דער זיידע געפרעגט.

"מיין טאכטער'ס קרענק האט מיר שטארק איבערגענומען." האט דער רבי געענטפערט.

דער בעל שם טוב האט זיך דאן אנגערופן צום איניקל: "עס שטייט דאך א פסוק אין תהילים: 'מגדיל ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו'."

דער רבי האט פון דעם ארויסגעלערנט אז דורך ספורי צדיקים וועט קומען זיין ישועה. *(מלכו ווערט אנגערופן די צדיקים, משיחו איז פון לשון שיחה, רעדן.)*
~~~~~~

תיקף נאכ'ן דערציילן די אויבערדערמאנטע מעשה האט די צדיקות, שרה'קע געהאט א רפואה שלימה. די מעשה איז געבליבן א סגולה פאר רפואה. שרה'קע אליינס פלעגט דערציילן די מעשה פאר קראנקע און זיי זענען גלייך געזונט געווארן.

דער צדיקת שרה'קע, ווי מען האט איר גערופן, איז געבוירן אין יאר תק"נ אין די שטאט מעדוועדיווקע צו אירע הייליגע עלטערן, דער הייליגער רבי און די צדיקת סאסיע, פון א מיוחס'דיגע אפשטאם. איר טאטע איז געווען רבי אברהם פון זאסלאב. די צדיקת סאסיע איז געוואקסן אין א שטוב פון חסד, וואס אירע חשובע עלטערן האבן געטאן מיט זייער עשירות.

פון אלץ קינד איז שרה'קע געווען א זעלטענהייט, מען האט איר געלויבט פאר אירע גוטע מידות, תמימות, ענוה און גאנצקייט.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה י'

## דער בֶּערְגֶער און דֶער אָרִימַאן #2

אַמָאל אִיז דֶער 'בֶּערְגֶער' פִּירְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] פַּאר דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס שְׁטוּבּ' – הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי דֶער 'אָרִימַאן' וֵויינְט זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ 'קָאפּ' אִין דֶער 'וַואנְט'.

אִיז דֶער 'בֶּערְגֶער' צוּ אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק"? – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פַּארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען? – וָואס אִיז מִיר דֶען גֶעבְּלִיבְּן? – בַּיי אֵיינֶעם בְּלֵייבְּט דָאס 'עֲשִׁירוּת, אָדֶער סְ'בְּלַייבְּט 'קִינְדֶער' – אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט – אוּן מַיין 'וַוייבּ', הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועקְגֶענוּמֶען – וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן"?

הָאט עֶס דֶעם 'בֶּערְגֶער', זֵייעֶר אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים 'הַארְץ' – אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס 'רַחֲמָנוּת' גֶעהַאט אוֹיף דֶעם 'אָרִימַאן' – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ, [וִוי] עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר.

אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען (דֶער 'בֶּערְגֶער') – אוּן הָאט גֶעטָאן אַ 'וִוילְדֶע זַאךְ' – אוּן סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען צוּם אֱמֶת, אַ 'שִׁגָעוֹן'!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט: "אִין וֶועלְכֶער 'מְדִינָה' סְ'וואוֹינְט דֶער 'יֶעדְנִירַאל'"? – אוּן אִיז אַהִינְגֶעפָארְן!

אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַ 'וִוילְדֶע זַאךְ' – אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'יֶעדְנִירַאל' אִין שְׁטוּבּ אַרַיין!

אוּן דָארְט פַּאר דֶעם 'יֶעדְנִירַאל', שְׁטֵייעֶן זִיךְ 'וַואכְן' – אוּן עֶר, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זֵייעֶר-גְרוֹיס 'בֶּהָלָה' – אִיז עֶר פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] מִיט גְרוֹיס 'בֶּהָלָה' גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי 'וַואכְן' – אוּן דִי 'וַואכְן' זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פַּארְטוּמֶעלְט גֶעוָוארְן, מַחֲמַת [וַוייל] זֵיי הָאבְּן פְּלוּצִים גֶעזֶעהְן אַ 'מֶענְטְשׁ' נֶעבְּן זִיךְ מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה – זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן: "וואוּ קוּמְט 'דֶער' אַהֶער"? – אוּן מַחֲמַת 'בֶּהָלָה', הָאבְּן אִים אַלֶע 'וַואכְן' גֶעלָאזְט.

אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע 'וַואכְן' – בִּיז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'יֶעדְנִירַאל' אִין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין, צוּ דֶעם 'אָרְט' וָואס זִי אִיז דָארְט גֶעלֶעגְן! – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען – אוּן עֶר הָאט זִי אוֹיפְגֶעוֶועקְט – אוּן הָאט צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "קוּם"! וִוי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן – אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן – הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "תֵּיכֶף [גְלַייךְ שׁוֹין] קוּם מִיט מִיר"!

אִיז זִי מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען! – זֶענֶען זֵיי אִיצְט אוֹיךְ אַרִיבֶּער, אִיבֶּער אַלֶע 'וַואכְן' – בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ הֶערְשְׁט אַרוּמְגֶעקוּקְט – אוּן עֶר הָאט זִיךְ הֶערְשְׁט דֶערְמַאנְט, וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן, אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְדֶע זַאךְ' – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָא וֶועט בְּוַודְאַי תֵּיכֶף וֶוערְן אַ גְרוֹיס 'גֶעפִילְדֶער' [רַעשׁ] בַּיי דֶעם 'יֶעדְנִירַאל'".

אוּן סְ'אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען: "סְ'גֶעוָוארְן תֵּיכֶף אַ גְרוֹיס 'גֶעפִילְדֶער' בַּיים 'יֶעדְנִירַאל'"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'בֶּערְגֶער' – אוּן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר, אִין אַ 'גְרוּבּ', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'רֶעגְן־וַואסֶער' – בִּיז דֶער 'רַעשׁ' וֶועט אִיבֶּערְגֵיין [אַרִיבֶּערְגֵיין] – אוּן עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גֶעזוֹימְט 'צְוֵויי טָאג'!

הָאט זִי גֶעזֶעהְן דָאס 'מְסִירַת־נֶפֶשׁ', וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגְן, אוּן דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִיר – הָאט זִי גֶעשְׁווֹאוֹירְן בַּיי 'גָאט': "אַז גָאר אִיר 'מַזָל' וָואס זִי הָאט – אֶפְשַׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַ 'מַזָל', אַז זִי זָאל הָאבְּן גְרוֹיס 'גְדוּלָה' אוּן 'הַצְלָחָה' – זָאל גָאר אִיר 'הַצְלָחָה', נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן [צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן] פוּן אִים (דְהַיְינוּ: פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער') – אוּן אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט וֶועלְן זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר 'הַצְלָחָה', מִיט אִיר 'גְדוּלָה', אוּן זִי זָאל בְּלַייבְּן אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר – זָאל עֶס פוּן אִים גָארְנִישְׁט פַארְמִיטְן זַיין"!

לוּשְׁמִיר וִוי [אָבֶּער וִויאַזוֹי] נֶעמְט מֶען דָארְט 'עֵדוּת'? – הָאט זִי גֶענוּמֶען דֶעם 'גְרוּבּ' פַאר אַ 'עֵדוּת'! נָאךְ 'צְוֵויי טָאג', אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – אוּן אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר אִיז מִיט אִיר וַוייטֶער־וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָארְט אִין דֶעם 'אָרְט', זוּכְט מֶען זִי אוֹיךְ"!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן נָאכְאַמָאל – אִין אַ 'מִקְוֶה'!

הָאט זִי זִיךְ דָארְט – ווִידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט, דָאס 'מְסִירַת־נֶפֶשׁ', אוּן דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט פוּן אִירֶעט וֶועגְן – הָאט זִי נָאכְאַמָאל גֶעשְׁווֹאוֹירְן אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר: "אַז גָאר אִיר 'מַזָל' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

אוּן הָאט גֶענוּמֶען דִי 'מִקְוֶה', צוּ 'עֵדוּת'! זֶענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען אַקֶעגְן [בְּעֶרֶךְ] 'צְוֵויי טָאג'! אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – אוּן זֶענֶען וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאט עֶר ווִידֶער פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז מְ'זוּכְט זִי דָא אוֹיךְ"! הָאט עֶר זִיךְ ווִידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן!

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל – וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶעמָאל אִין אַ

אַנְדער אָרְט בַּאהאַלְטְן – דְהַיְינוּ: אִין 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶעְרן':

דְהַיְינוּ: 1) אִין אַ 'גְרוּבּ מִיט וַואסֶער' – 2) אוּן אִין אַ 'מִקְוֶה', כַּנַ"ל 3) אוּן 'אֲגַמִים' (גֶעמוֹיזֶעכְטְס) – 4) אוּן אַ 'קְוָואל' – 5) אוּן 'נְחָלִים' (רִיטְשְׁקֶעס) – 6) אוּן 'נְהָרוֹת' (טַייכְן) – 7) אוּן 'יַמִים'!

אוּן אִין אִיטְלֶעכְן אָרְט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאהאַלְטְן – הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין 'מְסִירוּת־נֶפֶשׁ', אוּן דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט פוּן אִירֶעט וֶועגְן – אוּן זִי הָאט אִים גֶעשְׁוואוֹירְן אַלְץ: "אַז אִיר 'מַזָל' וְכוּ' כַּנַ"ל – אוּן זִי הָאט אַלֶעמָאל גֶענוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת, כַּנַ"ל אוּן זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶעמָאל בַּאהאַלְטְן אִין דִי 'עֶרְטֶער' (הַנַ"ל). בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'יַם'!

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'יַם' – אוּן דֶער 'בֶּערְגֶער' אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'סוֹחֵר', אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דִי 'גֶענְג' [וֶועגְן] אוֹיף דֶעם 'יַם' – הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין 'מְדִינָה' אַרַיין – בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעפָּארְן דֶעם 'וֶועג', אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ' – אוּן הָאט זִי אָפְּגֶעבְּרַאכְט דֶעם 'אָרִימַאן'!

אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה'!

אוּן דֶער 'בֶּערְגֶער' – דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – אוּן דֶערְצוּ אִיז עֶר עוֹמֵד־בְּנִסָיוֹן (בַּייְשְׁטַאנֶען [בַּייגֶעשְׁטַאנֶען] בַּיי דֶער 'פְּרוּב') מִיט אִיר (דְהַיְינוּ: וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר 'גָאט', אוּן הָאט זִי נִישְׁט אָנְגֶערִירְט) – דֶערְפַאר אִיז עֶר 'נִפְקַד' גֶעוָוארְן (דְהַיְינוּ: גֶעדַאכְט [גֶעדֶענְקְט] גֶעוָוארְן בַּיי 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ') – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דָאס [זֶעלְבְּן] יָאהְר, אַ 'זוּהְן'!

אוּן זִי אוֹיךְ – דְהַיְינוּ: דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ' – דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען [בַּייגֶעשְׁטַאנֶען] אִין אַזוֹי אַ [אַזַא] 'נִסָיוֹן', מִיט דֶעם 'יֶעדְנִירַאל', אוּן מִיט אִים – דֶערְפַאר הָאט זִי [אוֹיךְ] זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט אַ 'טָאכְטֶער'!

אוּן 'זִי' [דִי 'טָאכְטֶער'] אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'פַּארְשׁוֹין' [יְפַת־תֹּאַר] – זֵייעֶר אַ 'ווִילְד־גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין' – וָואס סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט' נִישְׁט גֶעוֶוען – וָוארְן צְווִישְׁן 'מֶענְטְשְׁן', זֶעהְט מֶען גָאר אַזוֹי אַ [אַזַא] 'שׁוֹינְקֵייט' [שֵׁיינְקֵייט] נִישְׁט – דִי 'וֶועלְט' פְלֶעגְט זָאגְן: "הַלְוַואי סְ'זָאל אוֹיסְוַואקְסְן" – (וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ', אִיז שְׁוֶוער אַז סְ'זָאל אוֹיסְוַואקְסְן), וָוארְן אִיר 'שֵׁיינְקֵייט' אִיז גֶעוֶוען 'גָאר ווִילְד', וָואס מְ'זֶעהְט אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט!

*

פְלֶעגְט דִי וֶועלְט אַרַיינְגֵיין, אוּן פְלֶעגְן קוּמֶען זִי זֶעהְן – אוּן פְלֶעגְן זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְן אוֹיף אִיר 'שׁוֹינְקֵייט', וָואס סְ'אִיז זֵייעֶר־זֵייעֶר ווִילְד גֶעוֶוען – אוּן פְלֶעגְן אִיר שֶׁענְקְן 'מַתָּנוֹת' אַלֶעמָאל, מַחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט!

אוּן זֵיי הָאבְּן אַזוֹי אַלְץ גֶעשֶׁענְקְט 'מַתָּנוֹת' – בִּיז דֶער 'אָרִימַאן' אִיז 'רַייךְ' גֶעוָוארְן!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (2)

**א. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**
- ❑ ער האט גדאוונט.
- ❑ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
- ❑ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**ב. האט דער בערגיר מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**
- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ יא, נאר דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**ג. וואו האט זיך דער בערגיר צום ערשט באהאלטן?**
- ❑ אין א הייל.
- ❑ אין א מקוה.
- ❑ אין א גרוב.

**ד. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשוואוירן?**
- ❑ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגיר.
- ❑ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
- ❑ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**ה. ווער האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**
- ❑ דער באשעפער.
- ❑ די גרוב און די מקוה.
- ❑ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**ו. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**
- ❑ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**ז. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**
- ❑ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
- ❑ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִים.
- ❑ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**ח. וועלכע שכר האט דער בערגיר באקומען?**
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ט. וועלכע שכר האט באקומען די ווייב פונעם ארימאן?**
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווײמאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בערגיר מיטן ארימאן (1)**

**דערמאנט א "חלום" ?**

מעשה ד', מעשה ז', מעשה ח', מעשה י' (וואס מיר לערנען יעצט), מעשה י"א, מעשה י"ג

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# לָאמִיר רֵייד וֶוערן

אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶער בֶּערְגִיר, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַעַר וָואס דֶער אָרִימַאן הָאט נָאךְ וָואס זַיין וַוייבּ אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ טוּן אַן אוּמְנָארְמַאלְן זַאךְ אוּן אִיר אוֹיפְזוּכְן כְּדֵי אִיר אוּמְצוּקֶערְן אַהֵיים.

וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, וֶוען דִי שִׂגָּעוֹן אוּן דִי עַזּוּת הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶר אִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הוֹיז פוּן דֶעם אָרִימַאן.

בֵּיידֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ לַאנְג עֶרְוַוארְטֶעטֶע מַתָּנָה: דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן, אוּן דֶער אָרִימַאן אַ טָאכְטֶער. דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער אָרִימַאן רַייךְ גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ מַצְלִיחַ זַיין.

"צוּ הֶערְט אִיר וָואס עֶס הָאט דָא פַּאסִירְט? אִיר פַארְשְׁטֵייט זַיין גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ?" הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ אוֹיסְגֶערוּפְן וֶוען עֶר זֶעט דִי גְרוֹיס נֵייגֶער פוּן דִי קִינְדֶער. "דֶער רַייכֶער בֶּערְגִיר, הָאט אוֹיסֶער קִינְדֶער, אַלֶעס גֶעהַאט: הַייזֶער, פַארְמֶעגְן, רַייכְטוּם, כָּבוֹד, אוּן הַצְלָחָה אוֹיף דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט - זַיין הוֹיז, זַיין וַוייבּ, זַיין פַארְמֶעגְן אוּן זַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, פַארְוָואס? זִיךְ אַיינְצוּשְׁטֶעלְן - אָן צוּ וִויסְן וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן - דֶער עִיקָר צוּ רַאטֶעוֶוען אוּן אוֹיסְלֵייזְן דָאס וַוייבּ פוּן דֶעם אָרִימַאן! קֵיין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט, גֵייט עֶר נִישְׁט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן, אוֹיסֶער דִי סַכָּנָה וָואס הֶערְשְׁט



אִיבֶּער זַיין לֶעבְּן מִיטְן אַרַיינְגֵיין אִין דֶער פַּאלַאץ פוּן אַ חָשׁוּבֶ'ע שַׂר - אַן אֱמֶת'ן גֶעפַאר!

אָבֶער דָאס הַאלְט אִים נִישְׁט אָפּ פוּן צוּ טוּן אָט דִי מוֹרָא'דִיגֶע שְׁרִיט, נָאר אוֹיף צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אָרִימַאן'ס וַוייבּ, אוּן צוּ זֶען אִיר פְרֵייד.

"אוּן וֶוער אִיז אָט דֶער בֶּערְגִיר וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט יֶענֶע וָואךְ? נוּ נוּ, וֶוער גֶעדֶענְקְט?"

"דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק" - עֶנְטְפֶערְט נָתָן מִיט זִיכֶערְקַייט.

"זֵייעֶר גוּט נָתָ'לֶע. דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט. דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אַן עוֹשֶׁר אִין עֲשִׁירוּת, הָאט אַלֶעס: תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, חֶסֶד, רַחֲמִים, קִרְבַת אֱלֹקִים. עֶר צֶעבְּרֶעכְט אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע תַּאֲווֹת. אוּן לָאזְט אָפּ אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים אוּן בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען. אוּן מִיט וָואס אִיז עֶר פַארְנוּמֶען? אוֹיף וָואס אִיז עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ?

"בְּלוֹיז פַאר אוּנְז, אוּנְז צוּ קוּמֶען רַאטֶעוֶוען פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּתִים פוּן דִי וֶועלְט. אוּנְז צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶער יֶעדְנֶערַאל - דֶער שַׂר דֶער יֵצֶר הָרָע. וָואס עֶר פְרוּאוְוט אוּנְז צוּ כַאפְּן אִין זַיין נֶעץ אַז מֶען זָאל רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע; מֶען זָאל אַלֶעס טוּן פוֹילֶערְהֵייט; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט קֵיין שִׂמְחָה שֶׁל

המשך אויף זייט 2